ייִדיש / Jiddisch

# וואס איר דארפט וויסן איבער די 2026 וואלן

## וואספארא סארט וואלן איז עס?

זונטאג, סעפטעמבער 13, 2026 וועט אפגעהאלטן ווערן וואלן צו די ריקסדאג, ראיאנישע קאונסילס און מוניציפאליטעט קאונסילס די בענקלעך אין די ריקסדאג, ראיאנישע קאונסילס און מוניציפאליטעט קאונסילס ווערן פארטיילט באזירט אויף וויאזוי איר און יעדער איינער טוט שטימען.

די ריקסדאג באשליסט, צווישען אנדערע זאכן, אויף געזעצן וועלכע גייען זיין גילטיג אין שוועדן.

- ראיאנישע קאונסילס באשלוסן אויף אנגעלעגנהייטן ווי העלט-קעיר און לאקאלע טראנספארט.
- מוניציפאליטעט קאונסילס באשלוסן אויף-

אנגעלעגנהייטן ווי שולעס און באהאנדלונג פאר עלטערע.

## וואו און ווען קען איך שטימען?

איר קענט שטימען פון אוגוסט 26 ביזן וואל טאג אויף סעפטעמבער 13. איר קענט שטימען ביי סיי וועלכע פריע וואל ארט דורכאויס דאס לאנד. אויפן וואל טאג, סעפטעמבער 13, קענט איר אויך שטימען ביי די וואל ארט וועלכע שטייט געשריבן אויף אייער וואלן קארטל. אינפארמאציע איבער אלע לאקאציעס איז פארהאנען אויף val.se.

## קען איך שטימען פון אויסלאנד?

אויב איר זענט אויסלאנד קענט איר שטימען דורך די פאסט אדער שטימען פרי ביי אסאך שוועדישע אמבאסאדעס און קאנסולאטן. כדי צו שטימען דורך די פאסט, דארפט איר האבן ספעציעלע מאטריאלן. איר קענט דאס באשטעלן פון די וואלן אויטאריטעט, אייער מוניציפאליטעט, אמבאסאדאס אדער קאנסולאטן.

שטימעס אפגעגעבן אין אויסלאנד קענען ווערן אפגעגעבן נישט פריער ווי יולי 30. איר קענט שטימען פון פאראויס ביי אמבאסאדעס און קאנסולאטן נישט פריער ווי אוגוסט 20.

אויב זענט איר א שוועדישע בירגער וואס וואוינט אויסלאנד (שוין נישט רעגיסטרירט אין שוועדן), וועט איר באקומען מאטריאל צו שטימען און אן אויסלענדישע וואלן קארטל דורך די פאסט אויב האט איר אן אפדעיטעד אדרעס מיט די שוועדישע שטייער אויטאריטעט. אויב האט איר א שוועדישע דיגיטאלע פאסט קעסטל, וועט איר באקומען אייער אויסלענדישע וואלן קארטל סיי דיגיטאל און אויף פאפיר.

## אין וועלכע וואלן קען איך שטימען?

באקומען אייער וואלן קארטל אין אייער דיגיטאלע פאסט קעסטל אדער אויף פאפיר דורך די פאסט.

איר זענט בארעכטיגט צו שטימען אין די ריקסדאג וואלן אויב איר זענט:

- 18 יאר אלט אינעם וואל טאג,
- א שוועדישע בירגער, און
- ענט אדער זענט געווען רעגיסטרירט אין שוועדן.

אויב האט איר זיך געצויגן קיין אויסלאנד און איר זענט שוין נישט רעגיסטרירט אין שוועדן, דארפט איר זיך רעגיסטרירן צו שטימען יעדע צען יאר כדי צו באקומען אן אויסלענדישע וואלן קארטל און וואלן מאטריאלן פון די וואלן אויטאריטעט.

איר זענט בארעכטיגט צו שטימען אין ראיאנישע און מוניציפאלע וואלן אויב איר זענט:

- 18 יאר אלט אינעם וואל טאג צום שפעטסטנס,
- א שוועדישע בירגער און זענט רעגיסטרירט אין די מוניציפאליטעט און ראיאן

**אדער**

- א בירגער פון איינער פון די EU מיטגלידער שטאטן, אייסלאנד אדער נארוועגיע און זענט רעגיסטרירט אין די מוניציפאליטעט און ראיאן

**אדער**

- זענט א בירגער פון א לאנד אויסער די וועלכע זענען אויסגערעכנט געווארן אויבן, אדער שטאטלאז, און זענט געווען רעגיסטרירט אין שוועדן פאר די לעצטע

Valmyndigheten

דריי יאר פארן וואל טאג און זענט רעגיסטרירט אין די מוניציפאליטעט אדער ראיאן.

## וואס דארף איך מיטברענגען מיט זיך?

איר דארפט ברענגען אידענטיפיצירונג. אויב האט איר נישט קיין אידענטיפיצירונג און זענט נישט באקאנט פאר די אידענטיפיצירונג אפיציר, קען א צווייטע מענטש באשטעטיגן אייער אידענטיטעט. די מענטש וועלכע באשטעטיגט אייער אידענטיטעט דארף דאן ווייזן זייער אידענטיפיצירונג. שטים-צעטלעך און קאנווערטן זענען פארהאנען ביי אלע וואל ערטער.

## וויאזוי געב איך אפ מיין שטימע?

ביי די וואל ארט, טוט איר אויסוועלן די שטים-צעטל וועלכע זענען גילטיג פאר די אנדערע וואלן. איר נעמט איין שטים-צעטל פאר יעדע וואל וואס איר טוט שטימען אין. די שטים-צעטלעך פאר די ריקסדאג, ראיאנישע און מוניציאפאליטעט זענען אנדערע קאלירן.

די שטים-צעטלעך זענען ווי פאלגנד:

- געל פאר וואלן צו די ריקסדאג
- בלוי פאר ראיאנישע קאונסיל וואלן, און
- ווייס פאר מוניציפאליטעט קאונסיל וואלן.

שטים-צעטלעך זענען פארהאנען ביי אלע וואל ערטער.

## שטימט פאר א פארטיי

איר שטימט  אלעמאל פאר א פארטיי. די נאמען פונעם פארטיי איז געדריקט אויפן שטים-צעטל. אויב קענט איר נישט טרעפן די שטים-צעטל פאר די פארטיי וואס איר ווילט שטימען פאר, קענט איר שרייבן די נאמען פון די פארטיי אויף א ליידיגע שטים-צעטל. א ליידיגע שטים-צעטל איז א שטים-צעטל אן א פארטיי נאמען.

## שטימט פאר א מענטש

אויב ווילט איר אויך שטימען פאר איינער פון די פארטיי'ס קאנדידאטן, קענט לייגן א שטרייך אין די קעסטל אין פארנט פון די קאנדידאט'ס נאמען אויף די שטים-צעטל. איר קענט נאר שטימען פאר איין קאנדידאט. איר קענט אויך שטימען פאר א מענטש דורך שרייבן די נעמען פון די פארטיי און די קאנדידאט אויף א ליידיגע שטים-צעטל. איר מוזט זיין אליין ווען איר נעמט אייערע שטים-צעטל און אונטער די סקרין ווען איר גיבט אפ אייער שטימע. אייער שטימע איז געהיים.

## קען איך באקומען הילף מיט שטימען?

אויב האט איר א באגרעניצונג אדער דארפט הילף פאר אנדערע סיבות, קענט איר באקומען הילף פון א וואלן אפיציר. וואלן אפיצירן זענען געבינדן דורך געהיימקייט און זענען נישט ערלויבט צו דערציילן פאר קיינעם וויאזוי איר האט געשטימט. איר קענט אויך באקומען הילף פון א צווייטע, אבער א וואלן אפיציר דארף אויך זיין אנוועזנד.

אינפארמאציע איבער די צוגענגליכקייט פון וואל ערטער איז דא ביי val.se. פארבינדט זיך מיט אייער מוניציפאליטעט פאר נאך אינפארמאציע איבער די הילף מיטלען פארהאנען ביי אייער וואל ארט.

אויב דארפט איר ברעיל מאטריאל, קענט איר עס באשטעלן פון די וואלן אויטאריטעט. קען איך באקומען הילף מיט שטימען?

## וויאזוי קען איך שטימען אויב קען איך נישט אנקומען צו די וואל ארט?

אויב האט איר שווערינקייט אנקומען צו א וואל ארט צו שטימען, צום ביישפיל צוליב א באגרעניצונג, קענט איר נוצן א מעסענדשער סערוויס צו טראגן אייער שטימע צו די וואל ארט. שטימען דורך א מעסענדזשער פארלאנגט ספעציעלע מאטריאל וואס איר קענט באשטעלן פון אייער מוניציפאליטעט אדער די וואל אויטאריטעט.

איר קענט אויך באקומען הילף פון א שטימע אנטהאלטער וועלכע וועט קומען צו אייך צו אנטהאלטן אייער שטימע; דעם רופט זיך מאביל שטימע אנטהאלטונג. פארבינדט זיך מיט אייער מוניציפאליטעט פאר נאך אינפארמאציע.

אינפארמאציע איבער וויאזוי צו שטימען דורך פארשטייער אדער דורך מאביל וואלן קען געפונען ווערן אויף val.se און ביי אייער מוניציפאליטעט.

## וואו קען איך טרעפן מער אינפארמאציע איבער די 2026 וואלן?

אויף val.se  וועט איר טרעפן אלעס וואס איר דארפט וויסן איבער די 2026 וואלן. עס איז אויך דא אינפארמאציע אין גרינג-צו-ליינען שוועדיש צייכן שפראך און אנדערע שפראכן.

VAL V0713a31

ייִדיש / Jiddisch

# וואלן געהיימקייט

**איר דארפט נישט דערציילן פאר קיינעם וויאזוי איר וועלט. איר טוט אויך מחליט זיין פאר זיך אליין וויאזוי איר וועלט.**



## איר זענט אליין ווען איר נעמט אייערע שטים-צעטלען.

די שטים-צעטלעך זענען אונטער א סקרין. **איר זאלט זיין אליין ווען איר נעמט אייערע שטים-צעטלען** כדי קיינער זאל נישט קענען זעהן.

אויב איר האט א באגרעניצונג אדער דארפט הילף פאר אנדערע סיבות, קענט איר באקומען הילף פון א וואלן אפיציר.

אויב איר ווילט הילף פון א צווייטע מענטש, דארף א וואלן אפיציר אויך זיין אנוועזנד. וואלן אפיצירן זענען צוריקגעהאלטן דורך פראפעסיאנאלע געהיימקייט.



## אליין אונטערן וואלן סקרין

איינמאל איר האט גענומען אייער שטים-צעטל, זאלט איר צוגרייטן אייער שטימע. **איר דארפט זיין אליין אונטערן וואלן סקרין.** אויב איר דארפט הילף, קענט איר בעטן א וואלן אפיציר.

אויב איר ווילט הילף פון א צווייטע מענטש, דארף א וואלן אפיציר אויך זיין אנוועזנד.



## קיינער קען נישט נאכגיין אייער שטימע

איינמאל איר האט אפגעגעבן אייער שטימע, וועלן די וואלן אפיצירן עס באקומען און עס אוועקלייגן צוזאמען מיט די שטימעס פון אנדערע מענטשן. ווען אייער שטים-צעטל ווערט געציילט, וועט קיינער נישט קענען נאכגיין די שטימע צו אייך.

**האט איר סיי וועלכע פראגעס?**

פארבינדט זיך מיט די מוניציפאלע עלעקשאן באורד, אדער באַזוכ
www.val.se

Valmyndigheten

Val V0791a21